# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון מ"ה / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / ראש השנה / תשפ"ה

## דער ערשטע בעלזער רב זצ"ל בויט זיין בית המדרש

**היות מיר האבן די זכי' אויף ראש השנה אריינצוגיין אינעם נייעם פראכטפולן בית המדרש, וועלן מיר אביסל פארציילן פון די בעלזא שול, וואס דער ערשטע בעלזא רב האט געבויט, וואס זיין יארצייט איז געווען די וואך, ווי דערמאנט אינעם פריערדיגן גליון**

### אויף געווען טויזנט נעכט

דער ערשטער בעלזער רב האט געבויט די גרויסע שול אין בעלזא. עס איז באקאנט די מעשה אז ער מיט נאך צוויי חברים האבן זיך אונטערגענומען צו אויפזיין טויזנט נעכט אין איין צי און זיצן און לערנען. די אנדערע צוויי חברים האבן נישט געקענט אויסהאלטן מער ווי עטליכע הונדערט נעכט. דער איינציגסטער וועלכער איז אויפגעבליבן גאנצע טויזנט נעכט איז געווען דער בעלזא רב.

קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם. זיין רביצין פלעגט אים ביינאכט אראפלאזן מיט א שטריק פונעם פענסטער, און ער איז געזעסן און געלערנט אגאנצע נאכט ביז פארטאגס ווען ער איז צוריקגעקומען און זיך אראפגעלייגט אביסל.

עס איז געווען די לעצטע נאכט פון די טויזנט נעכט, און דער בעל דבר האט עס נישט אויסגעהאלטן. אינמיטן נאכט איז געווארן א געוואלדיגע שטורעם, מיט שרעקליך שטארקע ווינטן, עס האט ממש געריסן דעכער, און אויפגעבראכן די פענסטער פונעם בית המדרש. אלע ליכט האבן זיך פארלאשן צוליב די ווינטן, האט ער פרובירט צוריק אנצוצינדן די ליכט, אבער עס איז נישט געגאנגען.

ער האט פארשטאנען אז דאס איז מעשה בעל דבר, וואס וויל דאס נישט צולאזן, איז ער צוגעגאנגען צום ארון הקודש און אנגעהויבן ווינען. אזוי'ווי ער האט זיך אויסגעוויינט איז אליהו הנביא געקומען צו אים און בארואיגט, און יענע נאכט האט ער געלערנט מיט אים הלכות בית הכנסת.

[אגב, רבי שלום בראנדער האט דערציילט, אז ביים יארצייט פונעם ערשטן בעלזער רב, האט ער געהערט פונעם בעלזער רב, מהר"א זצ"ל, וואס האט נאכגעזאגט פון זיין טאטן, רבי **יששכר דוב**, אז דער זיידע, רבי **יושע**, האט אמאל געפרעגט פון זיין טאטן, צי עס איז ריכטיג אז ער איז אויף געווען אזויפיל נעכט?

האט דער שר שלום געענטפערט: "מיין ליבער קינד, דו זאלסט דאס פרעגן? ווען בין איך דען יא געשלאפן". האט רבי יושע'לע פארשטאנען פון דעם וואס דער טאטע האט עס נישט פארלייקנט אז עס איז ריכטיג.]

דעמאלס האט ער אנגעהויבן בויען דאס בית המדרש, וואס האט געדויערט פופצן יאר, און ער האט זיך אליין געפארעט דערמיט, ממש אליין מיטגעארבעט. ער האט אריינגעלייגט א געוואלדיגע קדושה אין דעם.

### די גלאז איז נישט קיין גלאז...

איך האב געהערט פון הרה"ג רבי שלום בראנדער ז"ל, אז ווען דער בעלזער רב האט געענדיגט בויען דעם בית המדרש, האט ער געדארפט האבן פענסטערס, און ער האט געהאט אן איידעם וואס האט געהייסן רבי יצחק, ער איז געווען אן אייניקל פונעם ראפשיצער רב.

האט דער בעלזער רב אים געשיקט אז ער זאל גיין קויפן גלאז. ער האט געקויפט גלאז, און אויפן וועג אהיים ביים פרשת דרכים איז ער אדורכגעפארן דער שטאט פרעמישלאן.

רבי מאיר'ל פרעמישלאנער איז געשטאנען ביים פרשת דרכים וואו ער האט געדארפט דורכפארן, און ער האט אים אריינגערופן צו זיך אין שטאט פרעמישלאן, האט ער אים געזאגט אז מיין שווער האט מיר געזאגט אז איך זאל נישט אריינגיין קיין פרעמישלאן.

האט אים רבי מאיר'ל פרעמישלאנער געזאגט: "מאיר'ל איז א רבי פון הימל, און ער זאגט אז דו זאלסט יא אריינקומען קיין פרעמישלאן". האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער איז אריינגעפארן.

ר' מאיר'ל האט אים מכבד געווען מיט בראנפן, האט ער געזאגט, אז מיין שווער האט מיר געהייסן אז איך זאל נישט טרינקען קיין משקה המשכר, האט ער געזאגט: "מאיר'ל איז א רבי פון הימל, און ער זאגט אז דו זאלסט יא טרינקען", און ער האט געטרונקען.

האט אים ר' מאיר'ל געבעטן אז ער זאל אים ווייזן די גלאז פון די פענסטערס. ווען ער האט עס געזען, האט רבי מאיר'ל געזאגט: "דאס איז נישט קיין גלאז, דאס זענען בריליאנטן".

עס איז באקאנט אז דער בעלזער רב האט געקענט היילן א חולה מיט די הענט - מיט די צוויי פינגערס, האט ר' מאיר'ל געזאגט: "זאג פאר דיין שווער, אז דער כח וואס ער האט צו היילן מיט די הענט, האט ער גע'גנב'עט פון קאזניץ".

ער איז אהיימגעפארן און פארציילט פארן שווער, האט דער בעלזער רב געענטפערט: "איך האב עס נישט גע'גנב'עט, ער האט מיר עס געגעבן בשתי ידים".

האט ער פארציילט אזוי: ווען איך בין געווען א יונגערמאן, האב איך מיך געגרייט צו פארן צום לובלינער, איז צוגעקומען צו מיר א איד, און ער זאגט מיר: "יונגערמאן, פאר קיין קאזניץ". איך האב זיך נישט צו טון געמאכט, איך האב געוואלט פארן קיין לובלין, זאגט ער מיר

נאכאמאל: "יונגערמאן, פאר קיין קאזניץ". האט ער אים געפאלגט, און ער איז געפארן קיין קאזניץ.

ווען ער איז אנגעקומען קיין קאזניץ, האט ער געזען ווי עס האבן געווארט אריינצוגיין עלטערן מיט א קינד, וואס דאס קינד האט געהאט שטארקע ציין-ווייטאג.

ווען זיי זענען אריין צום קאזניצער מגיד, האט דער קאזניצער מגיד גענומען די צוויי פינגערס פון דער בעלזער רב'ס האנט, און ער האט עס אריינגעלייגט אינעם קינד'ס מויל, און דעמאלס האט ער אים געגעבן דער כח צו היילן מיט די האנט, און דער בעלזא רב האט אויסגעפירט: "איך האב עס נישט גע'גנב'עט, ער האט מיר עס געגעבן בשתי ידים".

*

עס איז ארויסגעקומען א ספר פון מאחנובקא-בעלזא וואס הייסט 'תל תלפיות', וואו זיי באשרייבן די גאנצע בית המדרש, דארט שרייבן זיי אויך די מעשה, און זיי זענען מוסיף, אז דער בעלזער רב האט אים געזאגט פונקטליך וואו צו גיין, דארט און דארט, און עס ליגט דארט אין א ווינקל עפעס גאר אלטע גלאז, און דאס זאל ער קויפן.

האט רבי מאיר'ל פרעמישלאנער געזאגט, אז די גלאז האבן די אידן מיטגעברענגט פון ירושלים ווען זיי זענען געגאנגען אין גלות. און זיי ברענגען אין דעם ספר, אז ר' מאיר'ל האט גענומען אפאר שטיקלעך גלאז, וואס מיט דעם האט ער געמאכט א פלעשל מיט א כוס פאר זיך אויף שבת, און זיי ברענגען אפילו א בילד פון דעם.

זיי ברענגען אויך צו, אז דער בעלזער רב'ס איידעם האט געזאגט, אז בשעת ער האט געטרונקען דעם בראנפן ביי רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, האט ער געפילט ממש ווי עס איז א גלעזל וואסער, און ער האט געהאט געליטן פון שטארקע היסן אין האלז, און פון די בראנפן איז ער געווארן אויסגעהיילט. ער האט געפילט אז עס איז וואסער, אבער באמת איז עס געווען בראנפן.

*

דאס בויען האט אפגעקאסט אסאך געלט, פלעגט ער אליין בעטן געלט פון אידן, און געהייסן וויפיל ציגל מ'זאל צאלן און פארשטייט זיך אז מ'האט געזען גרויסע ישועות.

ער האט געטייטשט דעם פסוק **אבן מקיר תזעק**, אז לעתיד לבוא וועלן אלע שטיינער פון די שולן קומען עדות זאגן אז דער מענטש האט מיך מנדב געווען פארן בית המדרש. 'אבן מקיר תזעק' - די שטיינער אליין וועלן שרייען ווער עס האט זיי אויסגעצאלט מ'זאל זיי קענען אריינשטעלן אינעם בית המדרש.

## ווען מיר זענען זיך מתאמץ בתפלה...

אמאל איז געווען א פרוי וואס האט זיך גענויטיגט אין א ישועה, איז זי אריינגעקומען צום בעלזער רב און אראפגעלייגט א גרויסע סכום געלט פארן בית המדרש, און דער בעלזער רב האט שטארק הנאה געהאט.

האט ער געזאגט בנוגע די ישועה וואס זי האט געדארפט: "מיר זאגן נישט צו, מיר וועלן בעטן".

די פרוי האט געזען אז ער זאגט נישט צו, האט זי געדאפלט דעם סכום, און געבעטן ער זאל צוזאגן.

האט דער בעלזער רב נאכאמאל געזאגט: "מיר זאגן נישט צו, מיר וועלן בעטן, און דער אויבערשטער וועט העלפן".

האט זי נאכאמאל אראפגעלייגט א גרויסן סכום אז דער בעלזער רב זאל צוזאגן. "מיר זאגן נישט צו", האט דער בעלזער רב נאכאמאל געענטפערט, "אבער מיר וועלן זיך מתאמץ זיין בתפילה".

די פרוי האט נישט נאכגעלאזט, זי האט א פערטע מאל אראפגעלייגט א גרויסן סכום אז דער בעלזער רב זאל צוזאגן. האט דער בעלזער רב געזאגט: "מיר וועלן זיך מתאמץ זיין בתפילה, און ווען מיר זענען זיך מתאמץ בתפילה העלפט דער אויבערשטער".

די פרוי איז אבער נישט געווען צופרידן, האט זי אראפגענומען דאס גאנצע געלט פון טיש און ארויסגעגאנגען.

ווי דער בעלזער רב האט דאס געזען האט ער געזאגט: "דאס געלט ארט מיך נישט, און די שול באדערט מיר אויך נישט, נאר דאס טוט מיר וויי, אז זי איז נישט געהאלפן געווארן".

האט דער פריערדיגער בעלזער רב, רבי ישכר דוב, צוגעלייגט אויף דעם: "ווען דער זיידע האט איר געבענטשט דאס ערשטע מאל איז זי שוין געווען א געהאלפענער. נאר וויבאלד עס איז נישט געווען באשערט האט דער זיידע אויפגעשטעלט די שול אן איר געלט, און זי האט נישט געהאט די ישועה", רח"ל.

## מען דארף די עזרת נשים!

ווען די שול איז פארטיג געווארן, האבן די מקורבים שוין געוואלט מחנך זיין דעם שול אז מ'זאל שוין אנהייבן דאווענען דארט, אבער דער ווייבער-שול איז נאכנישט געווען פארטיג.

האט דער בעלזא רב געזאגט: "עס איז באקאנט אז אלע טויערן זענען פארשפארט, אבער **שערי דמעות לא ננעלו** - דער טויער פון טרערן איז קיינמאל נישט פארשלאסן. דארפן מיר זען אז אונזערע תפילות זאלן ארויפגיין צוזאמען מיט די תפילות פון די וואס פארלאזן טרערן. די פרויען דאווענען מיט פיל טרערן, איז וויאזוי קענען מיר גיין דאווענען אין שול ווען עס איז נישט דא קיין פלאץ פאר די נשים מיטצודאווענען מיט אונז?!"

*

אגב, מוצאי יום הקדוש איז געווען א מנהג אין בעלזא אז די רבי'ס פלעגן אריינקומען אין בית המדרש, זיך ארומגעדרייט א שטיקל צייט, עס האט געהייסן 'צוזאמנעמען די תפילות'.

האט ר' **יוסף קנאבלאך** דערציילט וואס ער האט געהערט יונגערהייט אין בעלזא: אמאל בשעת דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק רבי **ישכר דוב** זצ"ל, איז אריינגעקומען אין בית המדרש מוצאי יום הקדוש 'צוזאמנעמען די תפילות', האט איינער פון די חשוב'ע יושבים געפרעגט פון הרה"ק רבי אהרן זצ"ל, וואס איז דער פשט פון דעם מנהג?

האט ער געענטפערט: "דעם טאטנ'ס ענינים קענען מיר נישט משיג זיין. אבער בפשטות קען מען זאגן א טעם: איין איד דאווענט מיט קאלטע טרערן, און א צווייטער איד דאווענט מיט ווארעמע טרערן. מישט ער זיי אויס צוזאמען".

## די אפוועזנהייט פונעם בעלזער רב

אין דער זעלבער צייט וואס ער האט געבויט דאס בית המדרש האט ער אויך געבויט א שטוב וואס האט געהייסן 'די גרויסע שטוב', וואס אין דעם שטוב האט ער געפירט די טישן.

ווען דאס בית המדרש איז פארטיג געווארן איז הרה"ק רבי **שמעון יעריסלובער** זצ"ל [וואס איז שוין דעמאלס געווען א סגי נהור רח"ל] געקומען קיין בעלזא.

רבי שמעון איז ארומגעגאנגען דאס בית המדרש צוזאמען מיטן בעלזער רב. ער האט געטאפט און געטאפט, ביז ביי איין פלאץ האט ער זיך אפגעשטעלט. דער בעלזער רב האט פארשטאנען

וואס דאס מיינט, האט ער זיך אנגערופן: "בשעת מיר האבן געהאלטן דא בין איך נישט געווען אינדערהיים" [רבי שמעון האט דאס מרגיש געווען].

נאכן ענדיגן ארומגיין האט זיך רבי שמעון אנגערופן: "ממילא אין בית המדרש פארשטיי איך פארוואס מ'לייגט אריין אזויפיל קדושה, אבער אין א פשוט'ער עסן שטוב זאל מען אריינלייגן אזויפיל קדושה? דאס איז שוין א לוקסוס..."

## נישט מפסיק קיין טומאה!

דער בעלזער רב האט געזאגט, אז ער האט אויסגערעכנט, אז פון דעם בית המדרש ביזן מקום המקדש, איז נישט דא קיין שום טומאה וואס איז מפסיק.

אויך האט דער בעלזער רב געזאגט: "ווען משיח וועט קומען וועט די שול זיין פון די שיינע שולן" [היינט צוטאגס איז ליידער נישט דא קיין זכר פון דעם].

בשעת דער צווייטער וועלט-מלחמה איז דער בעלזא רב, הרה"ק מהר"א, געגאנגען פון בעלזא קיין סקוהל, און פון דארט ווייטער און ווייטער, ביז ער איז אנגעקומען קיין וויזשניצא, און ר' חיים שלמה פריעדמאן איז דארט געווען בשעת מ'האט מודיע געווען פארן בעלזער רב ז"ל אז די דייטשן ימ"ש האבן חרוב געמאכט דאס בית המדרש.

האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן: "נו, עס איז געווען א שוואכער בנין" [די ווערטער קען מען נישט משיג זיין, ווייל עס איז באקאנט אז עס געווען גאר שטארק געבויט, מיט זייער דיקע ווענט. עס איז געווען ספעציעל א שטארקע בית המדרש].

## די קלאמקע צו דער שול

א פלא איז, אז ווען דער בעלזער רב האט געוואוינט אין ארץ ישראל, האט ער צווישן זיינע מלבושים געהאט א וועסטל, וואס אין דעם וועסטל איז געלעגן א שליסל, דאס שליסל איז געווען פאר א לעדל. אין דעם לעדל איז געווען א בריוו פונעם **מיטעלער בעלזער רב** מיט זיין חתימה, און אויך איז געווען א קלאמקע פונעם בית המדרש אין דער שטאט בעלזא. אויף דעם שליסל האט ער זייער אכטונג געגעבן, און כסדר איז עס געליגן אין זיין וועסטל.

***

## ער האט דריי קשיות צו פרעגן

איך האב געהערט פון הרב שלמה פינחס מאלאוויצקי שליט"א-רב דקהילת סלאנים-ארה"ב, וואס ער האט דאס געהערט פון רבי שלום פויגל, וואס רבי שלום פויגל איז געווען דער גבאי פון דעם בעלזער רב ז"ל אין ארץ ישראל.

האט ער פארציילט, אז אמאל איז געקומען א איד צום בעלזער רב ז"ל אין ארץ ישראל, און האט געזאגט אזוי, אז זיין זיידע האט געוואוינט אין בארדיטשוב, און אמאל איז ער געפארן צום ערשטן בעלזער רב, און בשעת ער איז געפארן, האט ער אויפן וועג געהאט שטארקע מניעות, עס זענען אלץ אונטערגעקומען פארשידענע זאכן ממש נישט בדרך הטבע, ביז ער איז אנגעקומען קיין בעלזא.

זייענדיג דארט האט ער געזען ווי דער בעלזער רב האט אויסגעהיילט איינעם מיט צוויי פינגערס [ווי אויבן דערמאנט]. אויך האט ער געזען אז בשעת דער בעלזער רב איז געגאנגען צום דאווענען איז ער געגאנגען שטייט, און נאכדעם ווען ער איז אהיימגעגאנגען איז ער געגאנגען שנעל.

ווען ער איז אריין צום בעלזער רב ז"ל, האט ער געזאגט אז ער האט דריי קשיות צו פרעגן: "איינס, פארוואס האט ער געהאט אזעלכע נישט בדרך הטבע'דיגע עיכובים אויפן וועג? צווייטנס, פון וואו האט ער כח צו היילן מיט די פינגערס? און דריטנס, על פי הלכה שטייט אנדערש, אז ווען מען גייט צום דאווענען דארף מען לויפן, און ביים אהיימגיין גייט מען שטייט, און ביים בעלזער רב האט ער געזען פארקערט, אז געגאנגען איז ער שטייט, און אהיים איז ער געגאנגען שנעל".

האט אים דער בעלזא רב געענטפערט אזוי: אז בשעת די דרוקעריי איז ארויסגעקומען [אמאל האט מען נאר געשריבן], האבן די גדולי הדור קודם מורא געהאט אז אויב עס וועט זיין אסאך ספרים, וועט עס גורם זיין צו א חשש פון מחיקת שמות, אז עס וועט זיך ח"ו אויסמעקן דעם אויבערשטנ'ס נאמען, ווייל עס וועט זיך איבעראל וואלגערן שמות, האט מען מתקן געווען אז מען זאל נישט שרייבן די גאנצע נאמען פון י-ה-ו-ה, נאר מען זאל שרייבן צוויי יו"ד'ן, ווייל ווען מען שרייבט דעם שם הוי"ה מיט אדנ"י, איז דער ערשטער אות א יו"ד, און דער לעצטער אות איז א יו"ד, און די צוויי צוזאמען איז צוויי יו"ד'ן, אזוי האט מען מתקן געווען אז מען זאל שרייבן דעם שם, זעט מען פון דעם, אז ווען צוויי אידן [יו"ד'ן] קומען זיך צוזאמען ווערט עס א שם.

דער שטן קען דאס אבער נישט פארגינען, מאכט ער מניעות אז צוויי אידן זאלן זיך נישט קענען צוזאמקומען. דאס איז געווען דער תירוץ אויף דער ערשטער קשיא.

אויף דער צווייטער קשיא וויאזוי ער קען היילן מיט די פינגערס, האט ער געזאגט, אז בשעת'ן לערנען טייטלט ער מיט די צוויי פינגערס, ממילא האט עס א כח התורה, און אויב מען איז נישט פוגם אין די איברים קען מען מיט דעם אויסהיילן קראנקע מענטשן.

און אויף דער דריטער קשיא, פארוואס ווען ער גייט צום בית המדרש גייט ער שטייט, איז די תירוץ, ווייל ווען ער גייט אין בית המדרש, שטייען פילע נשמות און בעטן אז ער זאל זיי מתקן זיין, אבער ער האט א תירוץ אז ער דארף גיין דאווענען, ממילא קען מען נישט יעצט צו לאנג אויפהאלטן, אבער נאכן דאווענען ווען ער גייט אהיים שטייען אויך א געוואלד מיט נשמות און בעטן פאר א תיקון, און טאמער וואלט ער זיך פארזוימט צו יעדעם מתקן זיין, וואלט עס געקענט נעמען ביז בייגאכט, ממילא דארף ער גיין שנעלער.

ביים ענדיגן פארציילן, האט דער בעלזא רב מהר"א ז"ל באשטעטיגט אז ער ווייסט פון די מעשה.

# ענייני ראש השנה

## רחמנא ליבא בעי

עס שטייט אין ספר **דברי שלום** פונעם **קאידינובער**, אז דער **אר"י הק'** האט אמאל אין די הייליגע טעג געדאווענט מיט געוואלדיג גרויסע כוונות, האט מען אים געוויזן מן השמים אז איינער אין אן אנדערער שטאט האט געדאווענט פיל בעסער פון אים. איז ער אהינגעפארן זיך טרעפן מיט דעם מענטש.

ער האט זיך באגעגנט מיט דעם מענטש, האט ער אים געפרעגט: "דו ביסט א תלמיד חכם?"

"ניין", האט יענער געענטפערט.

"דו קענסט דאווענען?" האט דער אריה"ק געפרעגט.

"ניין".

"וואס האסטו געטון אין די הייליגע טעג?" האט דער אריה"ק געפרעגט.

"רבי", האט דער איד געענטפערט. "איך קען נישט קיין א-ב, נאר פון א' ביז י', נישט מער. איך בין געקומען אין בית המדרש, און געזען ווי דער גאנצער עולם דאווענט מיטן קול און מיט כוונה, איך קען דאך אבער נישט, בין איך געווארן זייער צעבראכן ביי מיר. האב איך געזאגט מיט א צעבראכענעם הארץ איינמאל און נאכאמאל די א-ב פון א' ביז י', און איך האב געזאגט: רבוש"ע, דו מאך פון די ווערטער גאנצע ווערטער און צירופים ווי עס דארף צו זיין, און דו זאלסט האבן א הנאה פון דעם".

זיינע ווערטער האבן אויפגעטון מער ווי די תפילות פונעם אריה"ק, ווייל רחמנא ליבא בעי, דער עיקר וואס דער אויבערשטער וויל איז, אז דער מענטש זאל מתפלל זיין מיטן גאנצן הארץ.

*

ענליך צו דעם ברענגט מיין ברודער ר' משה ע"ה אין זיין ספר **אוצרות הקדשים**, וואו ער האט צוזאמגענומען איבעראל וואו די חסיד'ישע ספרים ברענגען מעשיות אויף צדיקים:

דער הייליגער **חוזה פון לובלין זצ"ל** האט אמאל ראש השנה ברוח קדשו געזען א פאסטוך אין איינע פון די ווייטע מדינות וואס איז געווען ממש א בור, ער האט גארנישט געקענט דאווענען, און אגאנצן טאג פון ראש השנה איז ער געווען אין פעלד מיט זיינע בהמות. ער האט געוואוסט אז עס איז ראש השנה, אבער אויסער די א-ב האט ער גארנישט געקענט. האט ער אגאנצן טאג געזאגט די אותיות פון א' ביז ת', און דאן האט ער אויך געזאגט מיט א צעבראכענעם הארץ: "רבוש"ע, איך קען נישט דאווענען, איין בקשה בעט איך דיר, נעם די צוויי און צוואנציג אותיות פון די א-ב און מאך פון זיי צירופים אזויווי דיין רצון איז, און דו זאלסט עס רעכענען אזויווי אלע תפילות און בקשות וואס פעלן זיך אויס צו דאווענען אין דעם היינטיגן טאג, און זיי זאלן פועל'ן אלעס גוטס אויף מיר און אויף אלע אידן".

האט דער לובלינער געזאגט: "די תפילות פון דעם פאסטוך האבן געמאכט א געוואלדיגן רושם אין הימל, און זיי זענען נתקבל געווארן לרחמים ולרצון מער פון די תפילות פון אלע צדיקים, ווייל זיינע תפילות זענען געקומען מיט א שטארקע כוונה, פון טיפעניש פון הארצן".

## אין זכות! 'נישט מקפיד געווען'

עס שטייט אין ספר **סבא קדישא** פונעם הייליגן **ראדאשיצער זצ"ל**: אמאל איז דער **לובלינער** געווען זייער צעבראכן פאר די תקיעות, ער האט נישט געשפירט אז ער האט עפעס א זכות אדער א מצוה [לויט זיין בחינה] אז ער זאל מיט דעם קענען צוגיין צו די תקיעות. ביז ער האט זיך דערמאנט איין זכות וואס מיט דעם האט ער זיך בארויגט.

וואס איז געווען די מעשה? ער האט אויסגע'חשבונ'ט, אז במשך דעם גאנצן יאר איז ער קיינמאל נישט געווארן אין כעס און האט אויף גארנישט מקפיד געווען. חוץ איינמאל וואס דער משמש האט פארגעסן צוצוגרייטן וואסער פאר נטילת ידים, און ער האט געהאט אין הארץ שטארקע תרעומות. און ער האט שוין געטראכט אז ווען דער משמש וועט קומען וועט ער אים געבן א שטיקל פסק.

אבער ווען דער משמש האט געברענגט דאס וואסער, האט ער זיך דערמאנט וואס חז"ל זאגן אז **'כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה'**. האט ער זיך מיישב געווען: פאר אזא קלייניגקייט וועל איך דינען עבודה זרה? האט ער בכלל נישט מקפיד געווען. און מיט דעם זכות וואס ער האט קיינמאל נישט מקפיד געווען האט ער זיך געשטעלט בלאזן שופר.

## די הכנה צו תקיעת שופר אין טאלנא

דער **ראחמיסטריווקער רבי ז"ל, חדב"ן**, האט דערציילט: אמאל ראש השנה פאר די תקיעות איז **רבי דוד'ל טאלנער זצ"ל** געשטאנען אויף דער בימה, און ער האט זיך אנגערופן: "עס קומען צו אונז דריי קאטעגאריעס חסידים. איין קאטעגאריע איז אזוי חשוב אז זיי זענען ווערד אז איך וואלט געדארפט פארן צו זיי. די צווייטע קאטעגאריע זענען כדאי אז איך וואלט זיי געדארפט מקבל פנים זיין. די דריטע קאטעגאריע זענען אזוינע וואס אויף זיי שטייט אין פסוק **שומר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם**."

דער גאנצער עולם האט אויסגעבראכן אין א געוויין, ווייל יעדער האט געפילט אז ער באלאנגט אין די דריטע קאטעגאריע.

רבי דוד'ל האט ארויסגענומען דעם זייגער פון טאש, געלאזט דעם עולם וויינען פאר צוואנציג מינוט, און נאכדעם האט ער אנגעהויבן 'למנצח לבני קרח מזמור'.

*

עס שטייט אין ספר **תפארת ישראל** אז דער **רוזינער זצ"ל** האט געהאט א חסיד רבי שעפטל. אמאל ערב ראש השנה איז ער געשטאנען נעבן דעם רוזינער ווען דער רוזינער האט געהאלטן ביים גיין דאווענען. און דעמאלס זענען די ארענדארן [פאסטוכער, זייער פשוט'ע אידן], וואס זענען געווען אידישע קינדער, אנגעקומען.

האט זיך דער רוזינער אנגערופן: מארגן ביים דאווענען גייט מען זאגן **הטוב, ומטיב לרעים ולטובים**. דארף מען פארשטיין, קודם זאגט ער רעים, דער אויבערשטער איז גוט פאר די רעים, און נאכדעם פאר די טובים? פארוואס קומען די רעים פריער?

נאר וואס דען, עס זענען דא אידן וואס ווען עס קומט אן 'חמשה עשר באב' הייבן זיי שוין אן הארעווען פאר די הייליגע טעג. עס זענען דא אידן וואס ראש חודש אלול הייבן זיי זיך אן גרייטן. עס זענען דא וואס פאנגען אן חצי אלול. און נאכדעם זענען דא אידן וואס פאנגען אן דעם ערשטן טאג סליחות.

אבער עס זענען נעבעך דא אידן וואס שטייען ביז ערב ראש השנה דריי אזייגער מיט זייערע קעלבער, און דעמאלס דערמאנען זיי זיך אז מארגן קומט ראש השנה, ווארפן זיי אוועק די קעלבלעך און פארן אין שטאט אריין דאווענען.

זאגט דער רבוש"ע: "זאלן זיי אויך האבן א גוט יאר".

רבי שעפטל האט שפעטער דערציילט אז ער איז עס נאכגעגאנגען, און ער איז געוואויר געווארן אז די ארענדארן האבן געהאט גאר א גוט יאר.

**דער אויבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר מיט אלעם גוטן.**

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865

צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com